צייט, ווען דער שכל איז געוואָרען שטאַרק און זעלבסטשטענדיג און עס איז איהם געוואָרען אונמעגליך צו בלייבען ווייטער אין יאָך. אומזיסט טענה'ט דאָס פאָלק, אַז מיט דעם אָבשאַפען פון דער אידישער רעליגיע, ווערען אונטערגעגראָבען די גרונדזיילען פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דער יחיד קאָן ניט ווידער אונטערבויגען זיך אונטער דעם צוואַנג־בעפעהל פון דעם פאָלק. ער קאָן ניט און טאָהר דאָס ניט — אין דעם נאָמען פון דער נאַציאָן און אפילו אין די אינטערעסען פון דער רעליגיאָן. ער זעהט, אמת, איין, אַז די אידישע רעליגיאָן האָט גע־האָלפען דעם פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלען קאַמפף, ער פערשטעהט דעריבער גאַנץ גוט די פּסיכאָלאָגיע פון יענע אידען, וואָס זוכען מיט אַלע כחות טריי צו בלייבען דעם אַלטען אידישען גלויבען, אָבער איינשטימען אין דעם גרונד־געדאַנק, אַז פאָלק און רעליגיאָן איז איין און די זעלבינע זאַך, וואָלט געהייסען שעדיגען דעם פאָלק און שעדיגען דער רעליגיאָן. אין דעם פאַקט, וואָס די רעליגיאָן האָט געשפּיעלט אַזאַ הויכע ראָלע אין דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען, זעהט ער איינס פון יענע אומגליקען, וועלכע מוזען וואָס גי־כער אָבגעשאַפט ווערען. די אידישע רעליגיאָן איז אַרויסגעטרעטען און טרעט נאָך איצטער אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אידישע פאָלק. אַ גרויסער, און שעדליכער טעות ! די רעליג־יאָן שטעלט מיט זיך ניט פאָר דאָס פאָלק, זי פ ע ר ש ט ע ל ט דאָס פאָלק. מען דאַרף זיך ערשט דורכרייסען דורך איהר, כדי צו קומען צום פאָלק. די גרויסע און טיעפע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און מאָראַלישע פּראָב־לעמען פון דעם אידישען לעבען און דער גאַנצער מענשהייט, וואָס זענען מיט אַזאַ גלאַנץ אַרויס געשטעלט געוואָרען פון אונזערע נביאים, זענען אַ דאַנק דעם יודענטהום פערוואַנדעלט געוואָרען אין קליינליכע שאלות־תשובות וועגען כשר און טריפה, וועגען אַ נאָדעל אין פּופּיק, וועגען אַן אויסגעבלאָזענער איי, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אום יום טוב.

די אידישע רעליגיאָן, ווי אַ בעשטימטער שולחן ערוך, וואָס איז אַ חוב פאַר יעדען אידען, איז אַ הויכע שטאַרקע וואַנד, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעבויט צווישען זיך און דער אַרומיגער וועלט. אָבער דיזעלבינע וואַנט שיידט אָב דאָס פאָלק פון דעם פרייען געדאַנק, פון זיינע אייגענע נאַ־ציאָנאַלע און מענשליכע אינטערעסען, וואָס קאָנען פערענטפערט ווערען נאָר אויף דעם וועג פון פּראָגרעסיווער פרייער ענטוויקלונג. דער בעסטער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ זעהט ניט די אידישע נאַציאָן, קימערט זיך ניט וועגען איהר, ווייל צווישען איהם און איהר שטעהט די הויכע, גע־מויערטע רעליגיעזע וואַנד...

מען מוז זי אַראָבנראָבען. דער אידישער נאַציאָנאַליזם מוז אין גאַנ־צען בעפרייט ווערען פון דער אָפיציעלער אידישקייט... אין דעם פונקט שטים איך איין מיט די בעסטע טראַדיציעס פון אונזער השכלה־צייט און אונזער אַסימילאַציאָנס־פּעריאָד. איך געה זיך אָבער פאַנאַנדער מיט זיי אין איין פונקט. איך זאָג : מיט דעם אַראָבטראָגען אַליין איז ניט גענוג.



עס מוז אין דער זעלביגער צייט געגעבען ווערען דעם פאָלק אין די הענד אַן אַנדער כלי־זין מיט וועלכען ער זאָל קאָנען קעמפּפען פאַר זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און זיין פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג. אויב מיר ווען דאָס ניט טהאָן, וועט זיך אונז קיין מאָל ניט איינגעבען אַראָבצוגראָבען די רע־ליגיעזע וואַנד, ווייל דאָס פאָלק זעהט אין איהר זיין איינציגען שוץ אין זיין נאַציאָנאַלען קאַמפּף. אָבער אויב מיר וועלען דאָס טהאָן, אויב עס וועט זיך אונז איינגעבען צו בעשאַפען נייע פּראָגרעסיווע מיטלען פאַר דעם נאַצ־יאָנאַל־אידישען קאַמפּף, יעמאָלט קאָנען מיר בעפרייען דאָס פאָלק פון יע־נער רעליגיעזער פעסטונג, אין וועלכער ער איז געווען געצוואונגען זיך איינ־צושליעסען.

ניט נאָר רעליגיעז צערשטערען, נאָר אויך נאַציאָנאַל בויען, — דאָס איז דעריבער די אויפגאַבע פון דער איצטיגער אידישער אינטעליגענץ. און אין דיעזער דאָפּעלטער אַרבייט, וועלען מוזען סוף־כל־סוף צושפּרינגען די קעיטען, וואָס האָבען ביז אַהער צונויפגעשמידט אין איינעם רעליגיאָן און נאַציאָן.

ש. אַנ—סקי.

# אין דער פּסח-נאַכט

(אַ ליעד אין פּראָזאַ)

— מה נשתנה ?

אַ ליעבע מתנה פון קינדהיים : זיסע טרוימען, גילדענע זכרונות...

די קליינע שטיבעלע איז בעגאָסען מיט יום־טוב'דיגער ליכטיגקייט, איז דורכגעדרונגען מיט אַ פּינקעלדיגער, כשר'ער ריינהיים. אויף אַלץ ליעגט דער סימן פון בענייאונג, הייליגקייט און צניעות. אויפ'ן טיש זענען אויס־געשטעלט אַלס סימבאָלישע שפּייזען פונ'ם סדר : דריי מצה־שמורה'ס דורכ־געוויקעלט אין אַ האַנדטוך, די זרוע — אַ געבאַקטעס הינער־העלזעל, דער סימבאָל פון קרבן פסח ; מרור און כרפּס, אַ זוכר פון ביטערען גלות ; חרוסת, ענליך אויף ליים, דאַרף דערמאָהנען וועגען דער עבדת פרך אין מצרים. אין די פלאַשען און די כוסות פינקעלט דער רויטער צמוקים־וויין.

אַרום טיש זיצט אונזער געזינד. דער פאָטער אין אַ ווייסען קיטעל זיצט אָנגעלעהנט אויף דעם הסבה־בעט מיט גרויס גדלות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך. געבען איהם — די מוטער, די מלכה, מיט אַ לייכטענדען פּנים, אַ קאָנטענטע און אַ גליקליכע, דורכגעדרונגען מיט אַ יום־טוב'דיגער רוהע. און מיר, קינדער, דער עלטערער ברודער, די שוועסטער און איך — אַלע אין

נייע יום־טוב׳דיגע בגדים זיצען ארום טיש שטיל, געהארכזאם און שטאטיג. ביים עק טיש אן ארעמאן, אן „אורח“ אויף פסח, און די אלטינקע קעכין אין א שפאגעל נייעם פארטוך, האלטענדיג מיט א דרך ארץ די הענט אויף די קניעס, זיצט זי אויסגעגלייכט, מיט א מיעדער און שטאלצער רוהיגקייט פון א מענשען וואס האט ערפילט זיין פפליכט, א גרייטע צו דורכדרינגען זיך מיט הייליגע בעגייסטערונג.

באלד וועט זיך אנפאנגען די הויכע מיסטעריע פון דער פסח־נאכט.

אנהויבען עס דארף איך, דער יונגסטער אין געזינד. מיר שטעהט פאר פרעגען ביים טאטען די פיער קשיות. די קשיות האב איך א לאנגע צייט געלערנט אין חדר, איך וויים זיי אויסווייניג, אויף לשון הקודש מיט דער איבערזעצונג אויף אידיש, מיט דעם נגון ווי געהעריג. און ווי א יונגער פערדעל וואס ווארט אויף דעם ערשטען ציה מיט די לייצעס א ריהר צו טהאן זיך פון ארט און לאזען זיך לויפען אהן א שמיץ, אזוי ווארט איך מיט א קלאפענדען הארץ אויף דעם פאטער׳ס וואונק.

— נו?

איך צושאקעל זיך שטארק, און אויפ׳ן קול מיט א נגון הויב איך אן:

— טא־אטע, איך וועל ביי דיר פרע־עגען די פיער ק־קשיות: מה נשתנה?...

און ניט אבשטעלענדיג זיך, קלאר און גרינג שטעל איך דעם פאטער איין קשיא נאך דער אנדערער. דער פאטער, מיט א שטילען ליעבהארציגען שמייכעלע אויף די ליפען, הערט מיך אויס געדולדיג און אויפמערקזאם, שאקעלט צו מיט׳ן קאפ און ווי נור איך ענדיג די קשיות הויבט ער גלייך אן הויך און זיכער זיין ענטפער, דעם אלטען פיעל־טויזענד יעהריגען ענטפער:

— עבדים היינו... שקלאפען זענען מיר געוועזען!

גאלדענע ווייטע קינדהייט,! ווי פראסט אלץ איז יעמאלט געוועזען, ווי קלאר און איינפאך! די פאטערס האבען געבויט דאס לעבען. אז עס איז נויטיג געוועזען האבען זיי געבראכען דאס געבויטע, געענדערט די חוקים ומשפטים פון לעבען. און דעמאלט האבען די קינדער געדארפט זיך צוקוקען צו זייער ארבייט, האבען געדארפט זיך לערנען און מיט אבשיי פרעגען זייערע קשיות: „מה נשתנה?“ די עלטערען האבען געענטפערט אויף די קשיות, האבען זיי געפאדערט פון די קינדער און האבען זיי גוט פערשטאנען. דאס קינד וואס האט אליין ניט געפרעגט — האט דער פאטער איהם „געלייגט אין מויל“ די קשיות. ווער עס האט געפרעגט תם׳שוואטע „מה זאת?“ דעם האט מען מפרש געווען דעם תוכן, און וועה איז געווען דעם זוהן, וועלכער, פרעגענדיג די קשיות, האט ארויסגעוויזען א גלייכגילטיגקייט צו זיי, האט זיך ארויסגעטהיילט פון כלל. דעם רשע האט מען „אויסגעבראכען די ציינער“ מיט דעם ענטפער: „ווען דו וואלסט זיין דארטען, אין מצרים, וואלסט דו עד היום ניט אויסגעלייזט געווארען“...

...און מיט א מאל זענען אנגעפלויגען פון אלע זייטען שטורם־ווינטען, האבען נידערגעווארפען דעם הערשער־טהראן פו די עלטערען, און האבען



אלץ אומגעקעהרט קאפויר, און אין דער געהיימניספאלער מיסטעריע פון אידישען לעבען זענען געבליבען נאר די אלטע סימבאלען פון ביטערען גלות און עבדת פרך...

די קינדער וועלכע האבען פריהער געהאט די רעכט נור מיט אבשיי צו פרעגען, לערנען זיך און פאלגען, האבען אליין גענומען ברעכען אלע צוימען, אלע דינים און געזעצען פון לעבען—און פאר די צוטומעלטע און דערשראקענע עלטערען איז געבליבען נור איינס, צו פרעגען פערוואונדערט:

— מה נשתנה? וואס איז פארגעקומען?

און עס האבען זיך נאר אין גאנצען פערענדערט די קשיות, עס איז פער־שוואונדען זייער אבשיי, זיכערהייט און געדולד. ביי די עלטערען אויף די ליפען האבען די קשיות בעקומען א נייעם נגון, זיי האבען געקלונגען מיט ביטערנים און צווייפעל, מיט טרעהרען און קללות.

איצט, ביי די פאטערס, ווי פריהער ביי די קינדער, האבען זיך ארויסגעוויזען פיער־ערליי פרעגערס: א חכם און א רשע, א תם און א שאינו יודע לשאול. ווי וועניג האבען צווישען די עלטערען געפונען זיך חכמים, וועלכע האבען זיך ערנסט געמיהט אריינצודרינגען אין דעם תוך פון די נייע „דינים און געזעצען“ וואס די קינדער האבען ארויסגעשטעלט אויף זייער פאהן! און ווי פיעל האבען זיך ארויסגעוויזען „רשעים“, וועלכע האבען „ארויסגעצויגען זיך פון כלל“! און נאך מעהר זענען געווען אזעלכע וואס, ניט פערשטעהענדיג וואס ארום זיי טהוט זיך, האבען געקענט נור שטעלען די פראגע: „מה זאת?“ און די אומגליקליכסטע זענען געווען די יעניגע עלטערען, וועלכע האבען קיין שום קשיות ניט געפרעגט און האבען שטום און ערשטוינט איבערגעלעבט זייער שרעקליכען חורבן...

— מה נשתנה?...

און די קינדער האבען אויך געגעבען אן ענטפער, און זייער ענטפער האט זיך אויך אנגעפאנגען מיט די אלטע פיעל־טויזענד־יעהריגע ווערטער:

— עבדים היינו... שקלאפען זענען מיר געוועזען!...

און אין די אלטע ווערטער האבען זיי אריינגעלייגט א נייעם גייסט, א נייעם כח, א נייעם געפיהל. און דער ענטפער פון די קינדער האט געקלונגען מיט שטאלצען גלויבען, מיט התלהבות און גבורה, ווי א לעצטער אורטהייל איבער דער מצרים־שקלאפעריי, ווי אן אויפרוף צו א נייעם לעבען.

...און אז עס איז אנגעקומען האלבע נאכט, איז אנשטאט דעם ערווארטעטען אליהו הנביא, פאר וועלכען עס זענען געווען ברייט געעפענט אלע טיהרען, געקומען דער גרויסער צארן־שרעק, און איז געגאנגען פון הויז צו הויז פון יעדער אידען און האט זיך אנגעריהרט אין אליהו הנביא׳ס כוס און האט איהם פערוואנדעלט אין א כוס התרעלה, פון ביטערע גאל, פון בלוטיגע טרעהרען...

---

— מה נשתנה?

ווידער א פסח־נאכט.

די זעלבע שטיבעלע. און ווי א מאָל איז אין איהר ליכטיג און ריין. ווי פריהער שטעהען אויפ'ן טיש די אלטע סימבאָלישע שפייזען. דער פאָטער אין דעם זעלבען ווייסען קיטעל, נעבען איהם די מוטער, אויף זייערע ערטער דער „אורח", די אלטינקע קעכין, נור... די קינדער זענען ניטאָ...

און אין דעם פינקלענדען פון ליכט און ריינהייט חדר איז ניטאָ קיין יום־טוב, ניטאָ קיין רוה, ניטאָ קיין בעפריעדיגקייט. אלץ איז פערוויקעלט אין א נעבעל פון שטילען און שווערען טרויער. ערגעץ וואו ציטערען ניט־אויסגעוויינטע טרעהרען און אין די וויטע ניט בעלייכטענע ווינקלען פיהלט זיך א פלאטערונג פון די פליגלען פון טויט...

נאָך א לאנגען שווייגען, ניט אויפהויבענדיג דעם אראבגעלאָזענעם בליק, ווענדעט זיך דער פאָטער מיט א פערשטיקטען זיפץ צו דער מוטער:

— נו... וואָס קען מען טהאָן?... פרעג דו די פיער קשיות!...

און צווישען די סימבאָלען פון דער פסח־מיסטעריע טרעט ארויס נאָך א סימבאָל, א סימבאָל פון העכסטען צער און אומעט: א מוטער וואָס האָט פערלאָרען איהרע קינדער.

ווי אן אבגעגאָסענע אין גאנצען מיט טרעהרען און טרויער זיצט זי אן איינגעבויגענע, אן עלענדע:

— מה נשתנה?...

עס ציטערען איבערגעריסענע ווערטער, אונפערשטאנענע, אונגוצליכע, פרעמדע — און אין יעהען וואָרט, אין יעדען אות קלינגט און רייסט זיך צום הימעל א ביטערער ברענענדער קלאָג פון העכסטער לייד. און פאר די פערוויינטע אויגע פון דער עלענדער מוטער טראָגען זיך די געשטאלטען פון איהרע פערלאָרענע קינדער. די טאָכטער, א גע'הרג'עטע, א צופליקטע, אין טויטליכען שרעק, א געשענדעטע, ליעגט צווישען הונדערטער אזוינע ווי זי צופליקטע מתים; דער עלטערער זוהן, א פערשמידטער אין קייטען, א שטור־מער און א בלייכער, קוקט מיט שטארע אויגען דורך די אייזערנע גראטעס פון זיין אייביגער תפיסה. און איך, איהר מעזיניק, איהר לעצטע האָפנונג, איך בין פערוואָגעלט אין א ווייטער און א פרעמדער לאנד. און זי זעהט און פיהלט מיט איהר מוטערליכער הארץ ווי איך בלאָנקע אום איבער די קאלטע גאסען פון א פרעמהער וועלט־שטאָדט, ווי א הונגעריגער וואָלף, אן איינזאמער, אן עלענדער, א צוריינצטער, מיט א פערלאָשענעם גלויבען אין הארצען, מיט זיעהענדע קללות אויף די ליפען, אָהן א פונק האָפנונג, אָהן א ציעל, אָהן א צוקונפט.

און מיט דעם זעלבען ברענענדען צער, ווי די קשיות, קלינגט אויף די ליפען פון דעם פער'חושך'טען פאָטער דער אלטער, דער גראָהער תירוץ:

— עבדים היינו...

און אין דער בעשטימטער שעה, אום האלבע נאכט, עפענט זיך די טיהר און אנשטאָט אליהו הנביא, וועלכען קיינער ערוואַרט שוין מעהר ניט, רייסט זיך ארײַן א קאלטער, א פינסטערער ווינד און פערלעשט די לעצטע ליכט און קעהרט אום און ווארפט אראָב דעם כוס פון נביא, און די אויסגעגאָסענע



ביים טיש רויטע פליסיגקייט בלייבט ווי א נייער סימבאָל פאר דער פסח־מיסטעריע...

---

— מה נשתנה?...

טעג נאָך טעג, ווי פאלענדע שטויב, זעצען זיך אָב אין א פאָך פון נייע יאָהרען; זיי פערדעקען די אלטע בילדער, פערציהען די אלטע וואונדען.

און אין דער זעלבער שטיבעלע ביי די זעלבע אומשטענדען פראוועט זיך ווידער א סדר פון פסח נאכט. נור איצט זענען די עלטערען שוין ניט אליין. צוזאמען מיט זיי ביים טיש זיץ איך, זייער יונגסטער און איינציגער. איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק פון מיין ווייטען גלות. און אויף דעם פער'חושך'טען פנים פון דער מוטער שפיעלט א שוואכע רויטקייט. א קראנ־קער, ערשראָקענער שמייכעל.

דער פאָטער ווארפט אויף מיר א פרעגענדען בליק און רעדט ארויס אונזיכער, ווי פערשעהמט:

— נו, וואָס?... די פיער קשיות וועסט דו פרעגען?

— יאָ! איך!

גאָר ווי א מאָל, אין די ווייטע קינהער־יאָהרען, וועל איך, דער זוהן, פרעגען די קשיות, און ווענדען וועל איך זיך מיט זיי ניט צו מיין אָרעמען פאָטער אין תכריכים־קיטעל, נור צו דער לאנגער רייהע פון הונדערטער דורות עלטערען, דורך וועלכע עס ציהט זיך איין צוזאמענבונד מיט דעם דור אויס־געלייזטע שקלאפען פון מצרים. און פיעל קשיות וועל איך פרעגען. און פערגעבען וועל איך זיי ניט מיט דער בעל־הבתי'שער רוהיגקייט פון דעם „חכם", נור מיט דער צוזאַועהטאַגטער היציגקייט פון א „רשע", וועלכען דער לעבען האָט מיט „א קלאפּ אין די צייהן" געבראכט די תשובה. און איך וועל זיך שוין ניט בענוגענען מעהר מיט דעם אלטען פינסטערען ענטפער: „עבדים היינו", ווייל אפילו אָט דער גרעסטער און הארבסטער חטא מוז דאָך אויך ווען עס איז האָבען א פערגעבונג, אן אויסלייטערונג...

— מה נשתנה?...

ערב פסח, שנת ה'תר"ע.